געזאָגט וועגן אײַך, צבֿועקעס, ווי * עס שטייט
געשריבן:

דאָס דאָזיקע פֿאָלק גיט מיר אָפּ כּבֿוד מיט די
ליפּן,
אָבער זייער האַרץ איז ווייט פֿון מיר.
7 און אומזיסט דינען זיי מיך,
ווײַל זיי לערנען מצוות, וואָס זענען געגעבן
פֿון מענטשן. (ישעיהו כט, יג.)

8 איר פֿאַרלאָזט ג-טס געבאָט, און האַלט די מסורה
9 פֿון מענטשן. און האָט צו זיי געזאָגט: פֿײַן
מאַכט איר בטל ג-טס געבאָט, כּדי איר זאָלט
10 האַלטן אײַער מסורה. וואָרום משה האָט געזאָגט:
דו זאָלסט אָפּגעבן כּבֿוד דײַן פֿאָטער און דײַן
מוטער, און דער, וואָס פֿלוכט פֿאָטער אָדער מוטער,
זאָל געטייט ווערן. (שמות כ, יב; כא, יז.) איר אָבער
11 זאָגט: אויב אַ מענטש וועט זאָגן צום פֿאָטער
אָדער צו דער מוטער: קרבן, דאָס הייסט אַ
מתּנה צו גאָט, זאָל זײַן דאָס וואָס דו דאַרפֿסט
12 פֿון מיר הנאה-זײַן; לאָזט איר אים שוין גאָרנישט
מער טאָן פֿאַר דעם פֿאָטער אָדער פֿאַר דער מוטער;
13 איר מאַכט צונישט ג-טס וואָרט דורך אײַער
מסורה, וועלכע איר האָט איבערגעגעבן; און אַ
14 סך אַזעלכע זאַכן טוט איר. און האָט ווידער
גערופֿן דעם עולם מענטשן צו זיך, און צו זיי
געזאָגט: הערט מיך אַלע צו, און פֿאַרשטייט! עס
15 איז נישטאָ קיין זאַך פֿון דרויסן פֿון דעם מענטשן,
וואָס אַרײַנגייענדיק אין אים קען אים טמא-מאַכן;
נאָר דאָס וואָס קומט אַרויס אויס דעם מענטשן
16 איז עס, וואָס איז מטמא דעם מענטשן. אויב עמיצער
17 האָט אויערן צום הערן, זאָל ער הערן! און ווען
ער איז פֿונעם המון מענטשן אַרײַנגעקומען אין הויז